ב״ה

# בית הוראה
שע״י קהל יטב לב דסאטמאר

# דקרית יואל
בנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

# הוראות פון 'פסח מאכן' פאר היי יאר תש״פ לפ״ק

אין ליכט פונעם אנגעשטרענגטן מצב אין די טעג ארום ערב פסח היי יאר תש״פ לפ״ק, טוען מיר מפרסם זיין די

**דעת תורה פון הרבנים הגאונים שליט״א**

## ובראשם הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א

בנוגע דאס אויסרוימען דעם חמץ לכבוד דעם יו״ט פסח הבא עלינו לטובה, וה' ישמור עלינו מכל פגע רע.

חשוב'ע אידישע מאמעס שיחי'

עס איז וויכטיג צו האלטן פאר די אויגן, אמת, יעדע אידישע מאמע וויל פסח'דיג מאכן 'למהדרין', און נישט מוותר זיין אויף גארנישט, אבער מ'דארף זיך פירן על דרך התורה, און מען דארף קוקן אויף יעדער זמן לויטן מצב וואס עס איז, די תורה פארלאנגט אז מען זאל זיך פירן לויט די 'הלכות' וואס מען פסק'ט.

אינעם היינטיגן מציאות, דער שווערער מצב, מיט די קליינע קינדער אינדערהיים, קען באמת זיין א סכנה אויב זאל מען זיך איבערשטרענגען, און אסאך מאל ווייסט מען אליינס נישט וויפיל מ'קען דערהייבן, און מיטן זיך איבער-ארבעטן אינאיינעם מיט די אנגעצויגענע מצבים קען מען ח״ו אסאך דערלייגן ה״י.

דעריבער איז זייער וויכטיג זיך צו פירן לויט די פאלגענדע אנווייזונגען, וואס די רבנים שליט״א האבן דן געווען בכובד ראש על פי הלכה, אפילו אויב אין די פארגאנגענע יארן האט מען אנדערש פסח'דיג געמאכט, איז היי-יאר די מצוה צו פאלגן דעת תורה, און אכטונג געבן אז מ'זאל קענען אריבערגיין דעם מצב געזונטערהייט.

**וואס מוז מען פסח'דיג מאכן ?**

**א] אלע שטובער, שאפעס, און לעדלעך, אין שטוב דארפן ווערן ״אויסגעקערט״ (מיט א בערשטל, אדער בעזים, אדער וואקיום קלינער) , אדער ״איבערגעקוקט״, חוץ א פלאץ וואס עס ווערט פארקויפט פאר חמץ.**

**ב] אזוי אויך ביי בדיקת חמץ (די נאכט פאר ערב פסח) דארף מען איבערקוקן די גאנצע הויז, האלוועי, און פארטש, [סיי וועלכע פלאץ עס קען אנקומען חמץ במשך די יאר], אזוי ווי אלע יארן.**

**ג] אויב מען זעהט צוגעקלעבטע חמץ, אדער מען ווייסט אז עס איז דא דארטן חמץ (און עס איז נישט פארקויפט ) דארף דאס ווערן אפגעוואשן, אויף פסח.**

## קאך-דיינונג רום
**קעבינעטס וואס מפארקויפט ״נישט״ פאר חמץ**

- **ווענט פון 'קאך'**

דארפן ווערן געוואשן (כמנהג ישראל קדושים)

- **ווענט פון 'דיינונג רום'**

דארפן געוואשן ווערן ביז ווי מען קומט אין 'בארירונג' מיט חמץ.

- **קאונטערס, סינקס, און אלע קאך זאכן.**

דארפן געוואשן ווערן, אזוי ווי אלע יארן.

- **קלאזעט'ס, שאפעס, לעדלעך**

וואס ווערן באנוצט אום פסח, און זיי ווערן באנוצט (דורכן יאר) מיט חמץ, דארפן ווערן געוואשן. (שפאלטענעס ווי מען קען נישט לייכט צוקומען, דארף מען נישט אויסקראצן, נאר אריינשפריצן א שארפע כעמיקאל).

- **פרישידער/פריזער**

דארף מען אויסוואשן ווי געווענליך. די לעכער און שפאלטענעס ווי מען קען נישט 'לייכט' צוקומען דארף מען נישט אויסקראצן, נאר אריינשפריצן א שארפע כעמיקאל.

- **בענקלעך-טישן (קאך און דיינונג רום)**

דארף מען אפוואשן מיט דיטערטשענד. ״מען דארף נישט אריינקראצן״ אין די שפאלטענעס און קנייטשן פון די בענקלעך, אין פאל מען זעהט דארטן חמץ זאל מען אריינשפריצן א שארפע כעמיקאל.

- **סטימ'ס (בעיסבאורד סטימס אד״ג).**

דארף בכלל נישט צונומען ווערן, מען זאל נאר וועקיומען פון אונטן ביז ווי דער וואקיום קומט צו.

- **אפלייענסעס**

אפלייענסעס (געז-רענדש, פרידש אד״ג) וואס ווערן נישט גערוקט פון פלאץ במשך דעם יאר, דארפן נישט ווערן גערוקט פון פלאץ. מען זאל נאר וועקיומען פון אונטן ביז ווי דער וואקיום קומט צו.

## קאך-דיינונג רום
**קעבינעטס וואס מפארקויפט ״יא״ פאר חמץ**

- **קעבינעטס**

די קעבינעטס וואס ווערן פארקויפט דארף מען נאר 'איבערקוקן' און זיכער מאכן אז עס איז נישט דא קיין שטיקלעך חמץ [מ'דארף נישט וואשן, און אודאי נישט קראצן].

- **חמצ'דיגע געשיר**

וואס זענען 'זויבער' אין ליגן אין די קעבינעט וואס מ'פארקויפט פאר חמץ, דארפן בכלל נישט געוואשן ווערן.

- **מיקסער-טעפ-בעקעלעך**

אלע חמצ'דיגע כלים ווי למשל טעפ אדער מיקסער זאל מען אפוואשן, אז זיי זאלן נישט האבן קיין זעה-בארע חמץ. חמץ וואס זענען אין די שפאלטענעס דארף מען נישט ארויסקראצן. **״און אודאי נישט נוצן קיין**

**איזי אף easy off אויף קיין שום כלי וואס ליגט אין די קעבינעט וואס מפארקויפט פאר חמץ״.**

- **געז-רענדש ; אויוון**

געז-רענדש ; אויוון, וואס מ׳נוצט ״נישט״ אויף פסח, און ווערט פארקויפט פאר חמץ, דארף מען נאר איבערקוקן צו עס איז נישט דא קיין שטיקלעך חמץ.

## אלע אנדערע שטובער

**שלאף שטובער, ספרים שטוב, בית הכסא, האלוועיס**

וואס מען נוצט נישט אפיציעל צו עסן חמץ במשך דעם יאר

דארף מען נישט וואשן אדער רייבן, נאר אויסקערן אדער וועקיומען, און גענצליך איבערקוקן אז עס איז נישט פארהאנען קיין חמץ.

- **מען זאל איבערקוקן די** ווענט, קלאזעט, שאפעס, טירן, פענסטערס, פירהענג, וכדומה. מען דארף נישט וואשן אדער רייבן.
- **די בעטן** זאל מען איבערקוקן, און אפווישן (בערשטל וכדו׳), נישט וואשן אדער רייבן.
- **בענקלעך און טישן** (וואס מען נוצט נישט בדרך כלל מיט חמץ א גאנץ יאר), זאל מען איבערקוקן, און לייכט אפווישן.

## פארטש

זאל מען וועקיומען און אויסקערן. און ווי פארשטענדליך איבערקוקן אז עס איז נישט פארהאן קיין חמץ.

## פארשידנארטיגע חפצים

- **קינדער טאשקעס.**

זאל מען אויסשאקלען פון חמץ. (איבערקוקן) און ארייגלייגן אין א פלאץ וואס ווערט פארקויפט פאר חמץ.

- **פאקעט בוקס**

זאל מען אויסשאקלען פון חמץ. (איבערקוקן) און ארייגלייגן אין א פלאץ וואס ווערט פארקויפט פאר חמץ.

- **קינדער ביכלעך.**

אז מען לייגט עס אריין אין א פלאץ וואס עס איז פארקויפט פאר חמץ, דארף מען עס נישט פסח׳דיג מאכן.

- **זמירות, חמצ׳דיגע קונטרסים** (וואס מען נוצט אויפן חמצ׳דיגן טיש)

אז מען לייגט עס אריין אין א פלאץ וואס עס איז פארקויפט פאר חמץ, דארף מען עס נישט איבערקוקן.

- **טויס, שפילצייג**

זאל מען איבערקוקן די באקס, אז עס האט נישט קיין חמץ, און נישט נוצן אום פסח (מען דארף עס נישט אפוואשן).

שפילצייג וואס מען לייגט אין א פלאץ וואס עס איז פארקויפט פאר חמץ, דארף מען בכלל נישט איבערקוקן.

## זהירות מיוחדת מחשש משהו חמץ

היי יאר ווען די קינדער זענען אינדערהיים דארף מען ספעציעל אכטונג געבן
אז עס זאל ח״ו נישט זיין קיין חשש חמץ בשעת ווען מען גרייט צו די מאכלים לכבוד דעם יו״ט פסח.

**דעריבער איז ראטזאם אכט געבן אויף די פאלגענדע:**

- בשעת׳ן קאכן זאלן די קינדער נישט ארייגיין אין פסח קאך, בפרט אויב זיי זענען שמוציג פון חמץ.
- אז מען זאל האבן א ״ספעציעלע פסח׳דיגע שירצל״ וואס מען טוט אן ווען מען גיי טאריין אין פסח קאך, און מען זאל דאס אויסטוהן בשעת מען געט זיך אפ מיט די קינדער.

**אנווייזונגען איבער חמץ פאר קליינע קינדער:**

- **קינדער מעגן און דארפן עסן חמץ ביז ערב פסח ביי סוף זמן אכילת חמץ.**
- מען זאל איינשטעלן א די קינדער זאלן נאר עסן ביי א טיש וכדומה, אויף א באשטימטע פלאץ, נישט ארומטראגן אין די שטובער.
- נאכן עסן זאל מען זיך אפשאקלען, און אפוואשן די הענט-און-פנים.

נאכן עסן זאל מען אויפקערן דעם פלאץ ווי זיי האבן געגעסן.

**סאיז כדאי מען זאל האבן אינדערהיים מאכלים פון ׳קטניות׳ ווי למשל רייז-קעיק, קארן-קעיק** (מזאל זיכער מאכן אז עס האט נישט קיין גרעינס אדער מאלט), **וואס דאס איז נישט קיין חשש חמץ, און מיט דעם קענען די קינדער ארום גיין אין די שטובער.**

די אלע הוראות זענען איבער די פרטים פון ׳ארויס רוימען דעם חמץ׳. בנוגע די זהירות פון יו״ט פסח אליינס, דהיינו איבערדעקן די טישן ; לעדלעך, קאונטער׳ס וכדומה, זאל מען זיך פירן אזוי ווי אלע יארן. אין פאל פון א שאלה, זאל מען פרעגן א דיין.

השי״ת זאל העלפן אז אין זכות פון אויסרוימען דעם חמץ אויף די אופן וואס חז״ל האבן פארלאנגט, זאל מען זוכה זיין אריינצוברענגען דעם יום טוב פסח מיט א רואיגע געמיהט, און השי״ת זאל אפהיטן גאנץ כלל ישראל מכל פגע ומחלה, סזאל מקויים ווערן דער והסירותי מחלה מקרבך, וכימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות בביארת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

**הכ״ד הכו״ח בברכת ״חג כשר ושמח״**
**בשם הרבנים הגאונים שליט״א, והגה״צ הדומ״ץ שליט״א**

# הנהלת בית הוראה